ישראל שטערן

# פון ראבערט וואלטערס פוילישע פאלקס-לידער

## דער טויט פון געליבטע

דו מיין טויט, דו מיין טויט,
טוליע מיך נישט צו דיין ברוסט.
איינמאָל וויל איך, איינמאָל טויט,
נאָך איינמאָל מיין געליבטע זען.

איינמאָל וויל איך, גראָער טויט,
איינמאָל וויל איך נאָך מיין אָרעם
אויף מיין געליבטער לעגן, טויט,
איינמאָל קושן איר אין מויל.

שטאַרבסטו, ליבסטער, שטאַרב איך באַלד,
מיר וועלן שטאַרבן אין איין טאָג.
צוויי וועלן שטאַרבן אין איין טאָג,
מען גראָבט איין קבר אויס פאַר צוויי.

אָך דאָרט אין א טיפן גרוב,
אָך דאָרט אין א שטילן אָרון
ליגסטו מיר אין טויטן אָרעם,
קושסטו מיר אין שטאַרן מויל.

---

## די אָפגענאַרטע

ווען איך וואָלט געווען א מלכה
וואָלט איך מיט גאָלד געקלונגען.
איך וואָלט דערלעבט נקמה,
איך וואָלט באַצאָלט די יונגען.

איך וואָלט געהייסן שניידן
פון יעדן ...ים א רוט,
איך וואָלט געהייסן שמייסן
און שפריצן זאָל דאָס בלוט

פֿון ראָבערט וואַלטערס פּוילישע פֿאָלקסלידער

דער טויט פֿון געליבטע

די אָפּגענאַרטע

אילוסטרירטע וואָך (וואַרשע, 1923–1925, 1928)

3, נומ' 19, מײַ 14, 1925, ז' 11